גוט שבת אלע אידן. אין די וואכעדיגע סדרה באפעלט דער אייבערשטער פאר אהרן הכהן אנצוצינדען די מנורה אין דעם משכן. עס שטייט אין די הייליגע תורה א לשון פון ״בהעלותך״ – ווען דו צינדסט אן. לכאורה וואלט געדארפט צו שטיין אין פסוק דאסווארט ״בהדלקתך״. איז רש״י מסביר אז דער שורש פון דעם ווארט ״בהעלותך״ איז פון ״עלה״ – ארויפגיין. זאגט רש״י ״בהעלותך״ איז א לשון פון ארויפגיין אז אהרן הכהן דארף אנצינדען ביז דער פלאם וועט ארויפגיין פון זיך אליינס.

דאס ווארט ״בהעלותך״ איז אפשר מרמז אויף נאך א טיפערער ענין וואס איז נוגע אין אונזער טאג–טעגליכע לעבן. שלמה המלך ע״ה זאגט ״נר ד׳ נשמת אדם וכו׳״ (משלי כ,כז) ד״ה, די נשמה ווערט אנגערופן א ״נר״ – א לעכט. אויב אזוי, קען מען אפשר טייטשן דעם פסוק אזוי: ״...בהעלותך את הנרות וכו׳״ מיינט אז ווען מען צינדט אן די נשמה, איז נישט גענוג סתם אנצוצינדען, נאר מען דארף מאכן זיכער אז די נשמה זאל ברענען פון זיך אליינס. דאס איז א בחינה פון ״...אל תאמן בעצמך עד יום מותך.״ (אבות ב,ד) דאס מיינט צו זאגן אז מען זאל שטרעבען אייביג העכער אין עבודת ה׳, כדי דער פלאם פון דער נשמה זאל ברענען העכער און העכער, ד״ה ״...בהעלותך את הנרות וכו׳״. איז לאמיר דערציילן גאר אן אינטערעסאנטען מעשה וואס וועט אונז מעורר זיין צו שטייגן אין עבודת ה׳.

דער מעשה די וואך הייבט זיך אן בערך פיר יאר צוריק אין ארץ ישראל, מיט א צוועלף און האלב יעריגער יונגעל וואס הייסט בנימין נומאן. דעמאלט האט בנימין אנגעהויבן זיך צוגערייטן פאר זיין בר מצוה. פאר זעקס חדשים האט בנימין אויסגעלערנט די טראפ פון זיין בר מצוה פרשה, פרשת יתרו, כדי צו קענען ליינען פון דער תורה די שבת פון זיין בר מצוה. (אזוי ווי די מנהג איז אין עטליכע אשכנזישע קרייזן.) יעדען טאג האט זיך בנימין אוועקגעזעצט און ער האט געלערנט די פרשה. ווען די זעקס חדשים זענען אריבער און די טאג פון דעם בר מצוה איז געקומען, האט בנימין (און זיין גאנצע משפחה אויך!) ממש געקענט די פרשה בעל פה.

עס איז געקומען די שבת פון פרשת יתרו. יענע ערב שבת האט בנימין אנגעטון א היט און א קורצע רעקל. שבת אינדערפרי איז בנימין אויפגעשטאנען מיט גרויס התרגשות. בנימין איז געגאנגען צו דעם שול מיט זיין טאטען און ברידער און זיין פעטערס אויך. ווען מען האט ארויסגעברענגט דעם ספר תורה פון דעם ארון קודש און עס געשטעלט אויף דער בימה, האט בנימין זיך דערנענטערט צו דער בימה מיט זיין טאטען ביי זיין זייט. ער איז געווען גערייט צו ליינען זיין פרשה. זיי זענען געשטאנען אויפן זייט פון דער בימה, ווארטענדיג ארויפצוגיין צו דער קריאת התורה.

צו יעדענס ערשטוינונג, זענען אויך אריבערגעקומען צו דער בימה א צווייטער בר מצוה בחור, ״שלמה פאם״ מיט זיין טאטען. די פאם משפחה זענען געקומען וואוינען אין דעם געגענט נאר א קורצע צייט פאר דעם.

מר. רוטקין, דער גבאי פון דעם שול, האט געכאפט דעמאלט אז ער האט געמאכט א טעות. מיט א פחד האט ער געכאפט אז ער האט אינגאנצן פארגעסן אז שלמה פאם האט אויך געהאט זיין בר מצוה יענע שבת.

דער גבאי האט זיך געשטעלט צווישן די צוויי בחורים. ״אנטשולדיגט מיר, איך האב פארגעסן אז עס זענען דא צוויי בר מצוהס די שבת,״ האט ער געזאגט. ״איר האט ביידע זייער לאנג צוגערייט צו ליינען דער פרשה היינט. קומטס... לאמיר צוטיילן די פרשה צווישן ענק ביידע.״ די גאנצע קהילה איז געבליבן שטיל, נישט וויסענדיג וואס וועט זיין.

בנימין האט געזען דעם וויטאג אין דעם אנדערען בר מצוה בחור שלמה׳ס אויגן. ״מר. רוטקין,״ האט בנימין געזאגט, ״אין וויל זייער שטארק אז שלמה זאל ליינען די גאנצע פרשה אליינס.״

״פארוואס?״ האט דער גבאי געפרעגט מיט א וואונדער. ״ס׳דא גענוג...״

״אין גיי ווערן בר מצוה סיי ווי סיי, אפילו איך גיי נישט ליינען די פרשה די וואך!״ האט בנימין געזאגט מיט א שמייכל. בנימין האט אויסגעשטעקט זיין האנט, און געשאקלט זיין נייע חבר שלמה׳ס האנט מיט א ווארעמקייט און געזאגט, ״מזל טוב, שלמהי!״

אויבן אין די עזרת נשים האט מרס. פאם אראפגעקוקט, אירע הארץ איז געווארן אסאך גרינגער, ווייל זי האט געזען וואס איז פארגעגאנגען און זי איז געזיצן אויף שפילקעס ווארטענדיג צו זען וואס וועט זיין. אין די זעלבע צייט האט בנימין׳ס מאמע זיך שטאלצירט צו זען ווי איר חשובער בר מצוה בחור האט אוועקגעגעבן פון זיין אייגענעם כבוד צו קענען מכבד זיין דעם אנדערען בחור. ״ברוך השם... שלמה האט אזוי שווער געארבעט.....״ האט מרס. פאם געזאגט צו איר שוועסטער וואס איז געשטאנען לעבן איר. ״דאס אריינקומען וואוינען אין דעם געגענט איז נישט געווען אזוי גרינג פאר אים.״ האט שלמה׳ס מאמע געזאגט. מרס. נומאן, בנימין׳ס מאמע האט שטילערהייט געזאגט צו איר מאמע וואס איז געשטאנען מיט איר אין דעם עזרת נשים, ״מיין צדיק... איינער וואס זאגט ׳שלי שלך ושלך שלך׳, רופט די משנה א ׳צדיק׳. א דאנק צום רבונו של עולם אז ער האט אונז געהאלפן אויפצוהאדעווען אזא מענטש, און דער אייבערשטער זאל ווייטער העלפן...״

נאכן ליינען איז מרס. פאם שנעל אריבערגעגאנגען צו מרס. ניימאן. ״איך קען דיר נישט גענוג דאנקען פאר דיין זון׳ס חסד. דער אייבערשטער זאל דיר באצאלן כפל כפלים.״ כאטש אפילו אז בנימין האט נישט געקענט ליינען די תורה יענע שבת, ווייל ער האט אוועקגעגעבן דעם כבוד פאר דעם פרעמדען בחור שלמה, וועט בנימין׳ס הארעוואניע אין קענען די סדרה קומען צו נוצען עטליכע יארן שפעטער. די המשך פון דעם מעשה גייט מען דערציילן נעקסטע וואך אי״ה. **גוט שבת אלע אידן**